NEW

# לקוטי שיחות

VAYEIRA וירא

VOLUME 1, P. 23–31

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# VAYEIRA I | וירא א

Adapted from a *sichah* delivered on 20 Marcheshvan, 5713 (1952)

## Introduction

The Rebbe begins the *sichah* with the story of the Rebbe Rashab who, as a four- or five-year-old boy, burst into tears, asking, "Why has G-d not revealed Himself to me?" He uses the story as a springboard to teach us what we should cry for – that each one of us can ask for G-d to reveal Himself to him.

The answer the *Tzemach Tzedek,* the Rebbe Rashab's grandfather, gave him, teaches that such a revelation must be earned. Yes, we can demand Divine revelation, but the revelation comes with a price – the effort it takes to transform ourselves so that we are worthy of it.

This teaching speaks to every person's spiritual journey – highlighting our yearning for G-dliness and the steps we must undertake so that we can experience His presence.

# A Child's Cry and Its Timeless Lesson

## A Question that Brought a Child to Tears

1. Today is the twentieth of Marcheshvan – the birthday of the Rebbe Rashab,[1] the father of my father-in-law – accordingly, I will relate a story[2] I have told before:

Every twentieth of Marcheshvan – his birthday – the Rebbe Rashab would go to his grandfather, the Rebbe, the *Tzemach Tzedek*, to request a blessing. Possibly, this was also the custom of the other grandchildren of the *Tzemach Tzedek*.

Once, the Rebbe Rashab burst into tears when he entered the *Tzemach Tzedek's* study to request a birthday blessing. [The Rebbe Rashab was then only four or five years old, because he was born in the year 5621 (1860) and the *Tzemach Tzedek* passed away in Nissan, 5626 (1866).] The *Tzemach Tzedek* asked him, "Why are you crying?" He answered that he had studied in the *Chumash* (or heard it being related) that G-d had revealed Himself to Avraham, our patriarch. (This story took place during the week of *Parshas Vayeira*.) And the Rebbe Rashab cried, "Why hasn't He revealed Himself to me?"

The *Tzemach Tzedek* answered him: "When, at the age of 99, a Jew (a second version: a Jew, who is a *tzadik*) realizes that he

א. אַזוֹי ווִי הַיְינְט אִיז כ׳ מַרְחֶשְׁוָן - דֶער יוֹם הוּלֶדֶת (גֶעבּוּרְטְס־טָאג) פוּן דֶעם רֶבִּי׳ן אַדְמוּ״ר מוֹהָרַשַׁ״ב נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן, - דֶעם שְׁווֶערְס פָּאטֶער - ווֶעל אִיךְ דָא אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה[א] ווָאס כְ׳הָאבּ שׁוֹין אַמָאל דֶערְצֵיילְט:

דֶער רֶבִּי (מוֹהָרַשַׁ״ב) נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן פְלֶעגְט יֶעדְן כ׳ מַרְחֶשְׁוָן - זַיְין יוֹם הוּלֶדֶת - אַרַיְינְגֵיין צוּ זַיְין זֵיידְן, כְּבוֹד קְדֻשַּׁת אַדְמוּ״ר הַצֶּמַח צֶדֶק, בֶּעטְן אַ בְּרָכָה. מֶעגְלֶעךְ, אַז אַזוֹי אִיז אוֹיךְ גֶעווֶען דֶער סֵדֶר בַּיי דִי אַנְדֶערֶע אֵייניִקְלֶעךְ פוּן צֶמַח צֶדֶק.

אֵיין מָאל בְּשַׁעַת דֶער רֶבִּי נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן אִיז אַרַיְינְגֶעגַאנְגֶען - (עֶר אִיז דַאן אַלְט גֶעווֶען פִיר אָדֶער פִינְף יָאר, ווָארוּם דֶער רֶבִּי נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן אִיז גֶעבָּארְן גֶעווָארְן אִין יָאר תרכ״א, אוּן אִין נִיסָן תרכ״ו אִיז דֶער צֶמַח צֶדֶק נִסְתַּלֵּק גֶעווָארְן) - הָאט עֶר זִיךְ פַאנַאנְדֶערְגֶעווֵיינְט. הָאט אִים דֶער צֶמַח צֶדֶק גֶעפְרֶעגְט ווָאס ווֵיינְסְטוּ? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין חוּמָשׁ (אָדֶער גֶעהֶערְט אִיבֶּערְדֶערְצֵיילֶענְדִיק) אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ בַּאווִיזְן צוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ (עֶס אִיז גֶעווֶען פַּרְשַׁת וַיֵּרָא), ווֵיינְט עֶר פַארְווָאס הָאט עֶר זִיךְ צוּ אִים נִיט בַּאווִיזְן.

הָאט אִים דֶער צֶמַח צֶדֶק גֶעעֶנְטְפֶערְט: אַז אַ אִיד (אַ צְווֵייטֶע נוּסְחָא: אַ אִיד אַ צַדִּיק)

1. Rabbi Shalom DovBer Shneerson, the fifth Rebbe of Chabad.

2. The story is found in the *sichos* of the Rebbe Rayatz, *Shabbos Parshas Vayeira,* 20 Marcheshvan, 5693 (1932).

**must circumcise himself, then he is worthy that G-d should reveal Himself to him."**

**The child accepted the answer and stopped crying.**

בַּאשְׁלִיסְט בַּיי זִיךְ צוּ נַיְין אוּן נַיְינְצִיק יָאר, אַז עֶר דַארְף זִיךְ מַל זַיְין, אִיז עֶר וֶוערְט, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ צוּ אִים בַּאוַוייְזְן. דֶער תִּירוּץ אִיז בַּיְים קִינְד אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ וַויינֶען.

## A Child's Story, A Universal Message

**2. Although the Rebbe Rashab was still a small child,** well **before his bar mitzvah – even before he had reached the age of *chinuch*,** the age at which he was to be trained in the observance of the *mitzvos*[3] **– when these events occurred, we should nevertheless learn** from **this story.** T**he fact that the Rebbe Rashab told it to his only son, the Rebbe** Rayatz, **and the Rebbe** Rayatz **retold it so that it should be transmitted to** people at large, **proves that the story is relevant for us as well.**

**We can learn from it two concepts; in other words, both the question and the answer** can serve as lessons.

ב. כָאטְשׁ דִי מַעֲשֶׂה מִיטְן רֶבִּי'ן נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן אִיז גֶעווֶען וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קִינְד פַאר בַּר מִצְוָה, אוּן נָאךְ אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעוֶוען "הִגִּיעַ לְחִינוּךְ" - פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן דַארְף מֶען דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנֶען, וָוארוּם וִויבַּאלְד אַז דֶער רֶבִּי נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן הָאט דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט צוּ זַיְין אֵיינְצִיקְן זוּן - דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דָאס אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְט, מֶען זָאל עֶס אִיבֶּערְגֶעבְּן דֶער וֶועלְט, אִיז אַ רַאְיָה אַז דִי מַעֲשֶׂה רִירְט אָן אוֹיךְ אוּנְז. מֶען קֶען פוּן אִיר אָפְּלֶערְנֶען צְוֵויי עִנְיָנִים, דָאס הֵייסְט סַיי פוּן דֶער שְׁאֵלָה אוּן סַיי פוּן דֶער תְּשׁוּבָה.

## What We Should Cry For

**3.** The story about **the Rebbe Rashab crying because G-d did not reveal Himself to him teaches us that every Jew** can yearn to see G-d. This applies **regardless of the situation he finds himself, even if he has not reached the age of *chinuch* – meaning that he has so little understanding that not only does he himself not comprehend, but he also cannot absorb any influence from another person.**

**Chronologically, he may be an adult, but when it comes to spiritual matters,** he may be **like a child who has not reached the age of *chinuch*. As the Rebbe** Rayatz, **my fa-**

ג. פוּן דֶעם רֶבִּי'נְס וַויינֶען אוֹיף דֶעם וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ נִיט בַּאוִויזְן צוּ אִים, קָאן מֶען אָפְּלֶערְנֶען, אַז יֶעדֶער אִיד - אִין וֶועלְכְן מַצָּב עֶר זָאל זִיךְ נִיט גֶעפִינֶען, אֲפִילוּ עֶר אִיז "לֹא הִגִּיעַ לְחִינוּךְ", דָאס הֵייסְט אַז עֶר הָאט אוֹיף אַזוֹי פִיל קֵיין דַעַת נִיט, אַז נִיט נָאר וָואס עֶר אַלֵיין פַארְשְׁטֵייט נִיט, נָאר עֶר קֶען אוֹיךְ נִיט נֶעמֶען קֵיין הַשְׁפָּעָה פוּן אַ צְווֵייטְן,

- אִין יָארְן קֶען עֶר אֲפִילוּ זַיְין אַ גָדוֹל, אָבֶּער אִין רוּחְנִיוּת אִיז עֶר אַ קָטָן שֶׁלֹּא הִגִּיעַ לְחִינוּךְ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי דֶער שְׁוֶוער הָאט

3. This refers to the age when a child can understand what the observance of a *mitzvah* requires and thus varies from *mitzvah* to *mitzvah*. By and large, it is considered between the ages of five and six. See the Alter Rebbe's *Shulchan Aruch* 343:3, 640:3, *et al.*

**ther-in-law, said, a Jew's years are not counted according to his passport. His passport may** say that **he is an elderly Jew, but in his true, spiritual years, in his fulfillment of the Torah and its *mitzvos*, he** resembles **a small child who plays under the table.**

Every Jew **can demand – and demand forcefully, which is** what **crying** over such a demand means – **that G-d should reveal Himself to him, just as He did to Avraham, our patriarch.**

He cries because **the matter transcends his understanding. It is loftier than his mind.** When the mind **can no longer bear something, tears come from *mosrei mochin*.**[4]

Every Jew can ask for G-d to reveal Himself to him with an intensity that brings him to tears.

גֶעזָאגְט אַז אִידִישֶׁע יָארְן רֶעכֶענֶען זִיךְ נִיט לוֹיטְן פַּאסְפָּארְט. אוֹיפְן פַּאסְפָּארְט קֶען עֶר זַיְין אַן אַלְטֶער אִיד, אוּן אִין זַיְינֶע אֱמֶת'עֶ, רוּחְנִיוּת'דִיקֶע יָארְן, אִין זַיְין מְקַיֵים זַיְין תּוֹרָה אוּן מִצְוֹות, אִיז עֶר אַ קְלֵיין קִינְד וָואס שְׁפִּילְט זִיךְ אוּנְטֶערְן טִישׁ, -

קֶען אוֹיךְ עֶר מָאנֶען, אוּן מָאנֶען מִיט אַ שְׁטַארְקַיְיט, וָואס דָאס אִיז דָאךְ דֶער עִנְיָן פוּן וַויינֶען,

- אַן עִנְיָן וועלְכֶער אִיז הֶעכֶער פוּן זַיְין פַארְשְׁטַאנְד, הֶעכֶער פוּן מוֹחִין וועלְכֶע קֶענֶען דָאס נִיט מֶער סוֹבֵל זַיְין, אִיז מִצַד "מוֹתְרֵי מוֹחִין" קוּמֶען טְרֶערְן[*א] -

אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ בַּאווַיְיזְן צוּ אִים, אַזוֹי וִוי צוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ.

## What Avraham Could Not Achieve on His Own

**4. Moreover, every Jew can demand that G-d reveal Himself to him in the same way that He revealed Himself to Avraham, our patriarch, after he fulfilled the *mitzvah* of circumcision. It was in this spiritual state that "G-d revealed Himself to him."**[5]

**We also find that G-d revealed Himself to Avraham before this,**[6] **but those revelations are not comparable to the revelation** – as reflected in the term used by the *Targum, v'isgeli* – **that occurred after the *mitzvah* of circumcision, which was much loftier.**[7]

**When G-d revealed Himself to Avraham after the *mitzvah* of circumcision, he was** no

ד. נָאךְ מֶער: עֶר קֶען מָאנֶען אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ בַּאווַיְיזְן צוּ אִים אַזוֹי וִוי עֶר הָאט זִיךְ בַּאווִיזְן צוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ נָאכְדֶעם וִוי עֶר הָאט מְקַיֵים גֶעווֶען מִצְוַת מִילָה, וָואס אִין דֶעם מַצָב אִיז דָאךְ גֶעווֶען דֶער "וַיֵרָא אֵלָיו הֲוָיָ'".

אוֹיךְ פַאר דֶעם גֶעפִינֶען מִיר דִי הִתְגַלוּת פוּן שֵׁם הֲוָיָ' צוּ אַבְרָהָם'עֶן, אָבֶּער עֶס אִיז נִיט גְלַיְיךְ צוּ דֶער אַנְטְפְּלֶעקוּנְג - "וְאִתְגְלִי" - וָואס אִיז גֶעווֶען נָאךְ מִצְוַת מִילָה, וועלְכֶע אִיז אַ פִיל הֶעכֶערֶע[ב].

בְּשַׁעַת דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ אַנְטְפְּלֶעקְט צוּ אַבְרָהָם'עֶן נָאךְ דֶער מִצְוַת מִילָה, הָאט עֶר שׁוֹין דֶעמָאלְט גֶעהֵייסְן

4. *Mosrei mochin* is a Kabbalistic term meaning "the overflow of intellect," i.e., the tears result from pressure within the brain from intense mental activity (see *Toras Chayim, Bereishis,* p. 187b ff.). **See also the *maamar* entitled *Ahallelah HaShem,* 5700, sec. 3 (*Sefer HaMaamarim 5700,*** p. 146).

5. *Bereishis* 18:1. The Rebbe's intent appears to be that since the revelation came after the covenant of circumcision, it is relevant to every Jew who enters that covenant.

6. See *Bereishis* 12:7, 17:1.

7. **See *Bereishis Rabbah*, the beginning of *Parshas VaYeira; Likkutei Torah, Vayikra,* p. 21a.** Though the Rebbe is emphasizing the loftiness of the revelation Avraham experienced, as he will later explain, this revelation is still relevant to every Jew.

longer called Avram but **Avraham, the letter *hei* having already been added** to his name. **The Gemara**[8] **states that, at that time, Avraham became master over his five** sensory **organs: the eyes, ears, and the male organ, over which, by nature, a person has no mastery.**

**Previously, when he was called Avram – without a *hei* – he was master only over** those tendencies **that a person can naturally control. Afterwards, however, as a result of working** on himself **with his own power – to the full extent that a person could achieve with his own power** – he **was granted from Heaven** the potential to control even **matters that one cannot** ordinarily **govern on his own. Even tendencies over which, by nature,** a person **would not** ordinarily **be able to rule were subjugated to him.**

**Consequently, it is clear that the revelation to Avraham, our patriarch, after the *mitzvah* of circumcision was much loftier than those** revelations granted him **before.**

**Nevertheless,** as a result of the spiritual heritage stemming from Avraham, **every Jew – even one who has not reached the stage of *chinuch,*** i.e., who has yet to begin his education **in spiritual matters – can also demand that G-d reveal Himself to him just as He revealed Himself to Avraham after he reached the level he was granted following the *mitzvah* of circumcision.**

אַבְרָהָם מִיט אַ צוּגֶעגֶעבֶּענֶעם הֵ״א. זָאגְט אוֹיף דֶעם דִי גְמָרָא[ג] אַז דַאן אִיז אַבְרָהָם גֶעוואָרְן אַ בַּעַל־הַבַּיִת אוֹיף דִי פִינְף אֵיבָרִים: עֵינַיִם, אָזְנַיִם וְרֹאשׁ הַגְּוִיָּה - וואָס לוֹיט דֶער נַאטוּר אִיז אַ מֶענְטשׁ אוֹיף זֵיי קֵיין בַּעַל־הַבַּיִת נִיט. פְרִיעֶר הָאט עֶר גֶעהֵייסְן אַבְרָם - אָן אַ הֵ״א. עֶר אִיז גֶעוועֶן אַ בַּעַל־הַבַּיִת נָאר אוֹיף דֶעם וואָס אַ מֶענְטשׁ קֶען לוֹיט זַיְין נַאטוּר הֶערְשְׁן. אָבֶּער דֶערְנָאךְ, דוּרְךְ דֶעם וואָס עֶר הָאט גֶעטָאן בְּכֹחַ עַצְמוֹ - וִויפְל מֶען קֶען טָאן מִיטְן אֵייגֶענֶעם כֹּחַ - הָאט מֶען אִים גֶעגֶעבְּן פוּן הִימְל אוֹיךְ אַזֶעלְכֶע עִנְיָנִים וואָס אַלֵיין קֶען מֶען צוּ זֵיי נִיט צוּקוּמֶען אוּן עֶר אִיז גֶעוואָרְן אַ בַּעַל־הַבַּיִת אוֹיךְ אוֹיף דִי זַאכְן, וועֶלְכֶע לוֹיט דֶער נַאטוּר קֶען מֶען זֵיי נִיט בַּאהֶערְשְׁן.

מִמֵּילָא אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק אַז דִי אַנְטְפְּלֶעקוּנְג צוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ נָאךְ דֶער מִצְוַת מִילָה אִיז גֶעוועֶן אַ פִיל הֶעכֶערֶע וִוי פְרִיעֶר.

פוּנְדֶעסְטְוועֶגְן קֶען יֶעדֶער אִיד - אֲפִילוּ אַזַא וועֶלְכֶער אִיז ״לֹא הִגִּיעַ לְחִינוּךְ״ אִין רוּחְנִיוּת - אוֹיךְ מָאנֶען, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ צוּ אִים בַּאווַיְיזְן אַזוֹי וִוי עֶר הָאט זִיךְ בַּאווִיזְן צוּ אַבְרָהָם'עֶן ווֶען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטְן אִין דֶער מַדְרֵיגָה וואָס נָאךְ דֶער מִצְוָת מִילָה.

## Recognizing the Need for Something More

**5. From the *Tzemach Tzedek's* answer – that the revelation to Avraham came because he realized that he must circumcise himself – we can learn the following:**

**True, every Jew can demand that G-d reveal**

ה. פוּן דֶעם צֶמַח צֶדֶק'ס עֶנְטְפֶער, אַז דִי הִתְגַּלּוּת - אַנְטְפְּלֶעקוּנְג - צוּ אַבְרָהָם'עֶן אִיז גֶעוועֶן דֶערְפַאר וואָס עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז עֶר דַארְף זִיךְ מַל זַיְין, קֶען מֶען זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען: אַז אֱמֶת טַאקֶע,

8. ***Nedarim* 32b.** *Hei* is numerically equivalent to five. Adding the *hei* to Avraham's name indicates that he was granted mastery over these five senses.

**Himself to him. However, this requires a prerequisite: he must know that he needs to "circumcise" himself** spiritually. **This means that despite all the virtues he possesses** – whether **actually or at least potentially** – he must still take another step.

As **was discussed earlier, potentially, every Jew can reach the highest levels and,** as the Sages teach,[9] **every Jew is obligated to** ask himself, **"When will my deeds reach the deeds of my patriarchs Avraham, Yitzchak, and Yaakov?"** (**The fact that Avraham is mentioned together with Yitzchak and Yaakov shows that this refers to Avraham at the level he reached after the *mitzvah* of circumcision.**) **Nev**ertheless, despite this potential, every Jew **must realize that he needs to "circumcise" himself.**

יֶעדֶער אִיד קֶען מָאנֶען אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ צוּ אִים בַּאווַיְיזְן. עֶס פָּאדֶערְט זִיךְ אָבֶּער אַן הַקְדָּמָה: עֶר זָאל ווִיסְן אַז מֶען דַארְף זִיךְ מַל זַיְין. דָאס הֵייסְט אַז נִיט קוּקְנְדִיק אוֹיף דִי אַלֶע מַעֲלוֹת וָואס עֶר הָאט בְּפּוֹעֵל אָדֶער לְכָל הַפָּחוֹת בְּכֹחַ,

– בְּכֹחַ קֶען יֶעדֶער אִיד צוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, ווִי מֶען הָאט פְּרִיעֶר גֶערֶעדט אוּן ווִי עֶס שְׁטֵייט[ז] אַז יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָּב צוּ זָאגְן: מָתַי יַגִּיעוּ מַעֲשַׂי לְמַעֲשֵׂי אֲבוֹתַי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב (ווֶען ווֶעלְן מַיְינֶע מַעֲשִׂים צוּקוּמֶען צוּ דִי מַעֲשִׂים פוּן מַיְינֶע אָבוֹת אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב). פוּן דֶעם וָואס עֶר רֶעכְנְט אַבְרָהָם׳עֶן צוּזַאמֶען מִיט יִצְחָק וְיַעֲקֹב, אִיז אוֹיךְ אַ רַאְיָה אַז דָאס מֵיינְט מֶען אַבְרָהָם׳עֶן אִין דֶער מַדְרֵיגָה ווִי עֶר אִיז גֶעווֶען נָאךְ דֶער מִצְוַת מִילָה –

פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן דַארְף עֶר ווִיסְן אַז עֶר דַארְף זִיךְ מַל זַיְין.

## When Mastery of One's Senses Is Not Enough

**6. Moreover, even those who actually possess such virtues –** ***tzadikim*** **who, like Avraham our patriarch, master even those organs that by nature one cannot control – must know that they need to "circumcise" themselves.**

**There is a well-known story about the Rebbe Rashab. Once, he complained that he could not hear in one ear. When an inquiry was made regarding the cause,[10] it was discovered that, on** ***Shabbos*****, when he would deliver** a *maamar,* a discourse of ***Chassidus*****, there were people in another room who were talking and this**

ו. נָאךְ מֶער: אוֹיךְ דִי ווֶעלְכֶע הָאבְּן דִי מַעֲלוֹת בְּפּוֹעֵל, וָואס דָאס זַיְינֶען דִי צַדִּיקִים ווֶעלְכֶע בַּאהֶערְשְׁן אוֹיךְ דִי אֵיבָרִים וָואס בְּטֶבַע קֶען מֶען אוֹיף זֵיי נִיט זַיְין קֵיין בַּעַל הַבַּיִת – אַזוֹי ווִי אַבְרָהָם אָבִינוּ – אוֹיךְ זֵיי דַארְפְן ווִיסְן אַז זֵיי דַארְפְן זִיךְ מַל זַיְין.

– עֶס אִיז יָדוּעַ דִי מַעֲשֶׂה מִיטְן רֶבִּי׳ן (מוֹהָרַשַׁ״ב) נִשְׁמָתוֹ עֵדֶן, אַז אַמָאל הָאט עֶר זִיךְ גֶעקְלָאגְט אַז עֶר הֶערְט נִיט אוֹיף אֵיין אוֹיעֶר. ווֶען מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זוּכְן דִי סִיבָּה דֶערְפוּן אִיז מֶען דֶערְגַאנְגֶען, אַז שַׁבָּת ווֶען עֶר הָאט גֶעזָאגְט חֲסִידוּת, הָאט מֶען אִין אַ צְווֵייטְן צִימֶער גֶעשְׁמוּעֶסְט, אוּן דָאס הָאט אִים מְבַלְבֵּל

9. ***Tana D'Bei Eliyahu Rabah,*** **ch. 25.**

10. See *Toras Menachem, 5748,* Vol. 4, p. 15, which relates that it was the Rebbe Rayatz who was involved in the investigation of the cause.

**disturbed him in delivering the** ***maamar*****.** Apparently, he had made a subconscious decision: **Since he felt the responsibility of his role – to transmit** ***Chassidus*** **– and the talking was disturbing him, he removed the sense of hearing from the ear that was on the side of that room.**

**(This reflects what is stated in a** ***maamar*****[11] – that** ***tzadkim*** **have** control over their senses and can **remove their ability to see or hear when** that particular sense **disturbs their G-dly souls, for** ***tzadikim*** **are masters even over the senses that by nature** a normal person **does not control.) Yet even those who stand at such a lofty level must know that they need to "circumcise" themselves.**

גֶעווֶען צוּ זָאגְן דֶעם מַאֲמָר. אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעפִילְט דִי אַחֲרָיוּת, אַז זַיְין עִנְיָן אִיז מַשְׁפִּיעַ צוּ זַיְין חֲסִידוּת, אוּן דֶער שְׁמוּעֶסְן הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט - הָאט עֶר מְסַלֵק גֶעווֶען דֶעם חוּשׁ הַשְּׁמִיעָה פוּן דֶעם אוֹיעֶר ווֶעלְכֶער אִיז גֶעווֶען צוּ דֶער זַיְיט פוּן יֶענֶעם צִימֶער.

אוּן דָאס אִיז וואָס עֶס שְׁטֵייט אִין אַ מַאֲמָר[יא] אַז צַדִּיקִים הָאבְּן בַּיי זִיךְ צוּגֶענוּמֶען דִי רְאִיָּה אָדֶער דִי שְׁמִיעָה בְּשַׁעַת עֶס הָאט גֶעשְׁטֶערְט צוּם נֶפֶשׁ הָאֱלֹקִית. וואָרוּם צַדִּיקִים זַיְינֶען בַּעֲלֵי בַּתִּים אוֹיךְ אוֹיף דִי חוּשִׁים וואָס בְּטֶבַע גֶעווֶעלְטִיקְט מֶען אִיבֶּער זֵיי נִיט. -

אָבֶּער אוֹיךְ אַזֶעלְכֶע ווֶעלְכֶע שְׁטֵייעֶן אִין אַזַא הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה דַארְפְן וויסְן אַז זֵיי דַארְפְן זִיךְ מַל זַיְין.

## Inner Change – the Prerequisite for Blessing

7. Why is such "circumcision" necessary? **Because even** a spiritually elevated person possesses **a very subtle spiritual foreskin,** something that inhibits his spiritual sensitivity, and which **can, after a series of chainlike descents, ultimately lead him to** coarse and **lowly matters.**

**This is reflected in the precise wording of the** ***Tzemach Tzedek:*** **"When, at the age of ninety-nine, a Jew, who is a** ***tzadik,*** **realizes that he must circumcise himself, then he is worthy that G-d should reveal Himself to him."** Reaching the age of **one hundred indicates that a person has refined all** his **ten faculties,**[12] **each faculty including its ten subdivisions. At this point, he has nothing more to fear because he no longer has any connection to worldly matters,** as the Mishnah **teaches,**[13] **"At one hundred, it is as if one has died, passed away,**

ז. דֶער טַעַם דֶערוֹיף אִיז, ווַיְיל ווֶען עֶס אִיז פַאַרַאן אֲפִילוּ נָאר אַן עָרְלָה דַקָּה בְּיוֹתֵר בְּרוּחְנִיּוּת, קֶען עֶס, נָאךְ פִילֶע הִשְׁתַּלְשְׁלוּת, אַרָאפְּקוּמֶען בִּיז אִין נִידֶערִיקֶע זַאכְן.

אוּן דָאס אִיז דֶער דִיוּק פוּן דֶעם רֶבִּי'ן צֶמַח צֶדֶק'ס לָשׁוֹן, אַז אַ אִיד אַ צַדִּיק צוּ נַיְין אוּן נַיְינְצִיק יָאר ווֵייסְט אַז עֶר דַארְף זִיךְ מַל זַיְין. צוּ הוּנְדֶערְט יָאר - דָאס הֵייסְט אַז עֶר הָאט מְבָרֵר גֶעווֶען אַלֶע צֶען כֹּחוֹת, יֶעדֶער כֹּחַ ווִי עֶר בַּאשְׁטֵייט פוּן צֶען - דַאן הָאט עֶר שׁוֹין נִיט וואָס מוֹרָא צוּ הָאבְּן, וואָרוּם עֶר הָאט שׁוֹין נִיט קֵיין שַׁיְיכוּת צוּ דִי עִנְיָנִים פוּן ווֶעלְט, ווִי עֶס שְׁטֵייט[יג] בֶּן מֵאָה כְּאִלוּ מֵת

---

11. **The** ***maamar*** **entitled** ***Ki Yishalcha,*** **5654** (*Sefer HaMaamarim 5654,* p. 225).

12. I.e., the ten fundamental spiritual faculties of the soul that parallel the ten sublime *sefiros.* See *Tanya,* ch. 3.

13. ***Avos*** **5:22.**

**and been nullified from the world."**

This is obviously the intent of the Mishnah. Otherwise, **the meaning of the teaching, "At one hundred, it is as if one has died, passed away, and been nullified from the world," is difficult to understand. All the** other stages **enumerated in that *mishnah* are practical directives concerning how to conduct oneself: "At [the age of] five years, [one begins the study of] Scripture; at ten, [one begins the study of] Mishnah; at thirteen, [one becomes obligated in the observance of] *mitzvos*…." However, what is the directive implied by "**At one hundred, **it is as if one has died, passed away, and been nullified from the world"?**

**The explanation is that when he has already refined all his ten faculties – and did so in a** detailed and **specific manner,[14] each one as it** includes its **ten** sub-faculties[15] **– thus, he has attained the level of 100. Then, it is "as if he has died, passed away, and been nullified from the world." Such a person no longer has any connection to worldly matters and has nothing to fear. It is as if he no longer had an evil inclination at all.[16]**

**However, when a person is ninety-nine years old** – in other words, **something is still lacking in his refinement of the specific details of all his ten faculties – then, he must "circumcise" himself.** Even at such a stage, a person faces the possibility of a **series of chainlike** descents and **can ultimately** slip and **fall into lowly matters.**

**[The intent is not a series of descents where the person finds himself in one world and the descent occurs in another world. Rather, since he exists both "before *maasei Bereishis* (**'Work of Creation'**) and after *maasei Bereishis* (**'Work of Creation'**)"[17]**

וְעָבַר וּבָטֵל מִן הָעוֹלָם,

- וואָרום אִין פְּלוּג אִיז נִיט פַאַרשְׁטַאנְדִיק וואָס עֶר זָאגְט אִין אָבוֹת בֶּן מֵאָה כְּאִלּוּ מֵת וְעָבַר וּבָטֵל מִן הָעוֹלָם, אַלֶע עִנְיָנִים וואָס עֶר רֶעכְנְט דָארְט אוֹיס אִין דֶער מִשְׁנָה זַיְינֶען לְמַעֲשֶׂה'דִיקֶע אָנְווַיְיזוּנְגֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, בֶּן חָמֵשׁ לְמִקְרָא, בֶּן עֶשֶׂר לְמִשְׁנָה, בֶּן י"ג לְמִצְוֹות כו', אָבֶּער וואָס פַאַר אַן אָנְווַיְיזוּנְג אִיז דָאס, אַז צוּ הוּנְדֶערְט יָאר אִיז עֶר "כְּאִלּוּ מֵת וְעָבַר וּבָטֵל מִן הָעוֹלָם"? נָאר דֶער פְּשַׁט אִיז, אַז וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין מְבָרֵר גֶעוועֶן אַלֶע צֶען כֹּחוֹת - אוּן דַוְקָא בִּפְרָטִיּוּת[ז], יֶעדֶער אֵיינֶער וִוי עֶר בַּאשְׁטֵייט פוּן צֶען[ח], עֶר אִיז אַ "בֶּן מֵאָה", אִיז עֶר "כְּאִלּוּ עָבַר וּבָטֵל מִן הָעוֹלָם", עֶר הָאט שׁוֹין מֶער קֵיין שַׁיְיכוּת נִיט צוּ דִי עִנְיָנִים פוּן וֶועלְט אוּן הָאט נִיט פַאַר וואָס מוֹרָא צוּ הָאבְּן, גְלַיְיךְ וִוי עֶר וואָלְט שׁוֹין מֶער נִיט גֶעהַאט קֵיין יֵצֶר הָרָע[ט]. -

בְּשַׁעַת עֶר אִיז אָבֶּער 99 יָאר, עֶס פֶעלְט אִים נָאךְ עֶפֶּעס צוּ דֶעם בֵּירוּר פוּן אַלֶע צֶען כֹּחוֹת בִּפְרָטִיּוּת, דֶעמָאלְט דַארְף עֶר זִיךְ מַל זַיְין, וואָרוּם בְּרִיבּוּי הַהִשְׁתַּלְשְׁלוּת

- מֶען מֵיינְט נִיט רִיבּוּי הִשְׁתַּלְשְׁלוּת, אַז דֶער אָדָם גֶעפִינְט זִיךְ אִין אֵיין עוֹלָם אוּן דִי יְרִידָה אִיז אִין אַ צְווֵייטְן עוֹלָם, נָאר וִוִיבַּאלְד דֶער אָדָם אִיז דָאךְ קֹדֶם לְמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית וְאָחוֹר לְמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית[י], אִיז בַּא אִים גוּפָא קֶען זַיְין אַ רִיבּוּי הִשְׁתַּלְשְׁלוּת -

14. See *Kuntreis HaAvodah,* ch. 6

15. ***Derech Mitzvosecha,*** the *maamar* entitled ***Shoresh Mitzvas HaTefilah,*** **p. 144b, the** ***maamar*** **entitled *Biur VeShavsah,* p. 170b. See also the *maamarim* for *Parshas Chayei Sarah.***

16. **See** *Talmud Yerushalmi,* the end of tractate *Berachos; Zohar,* **Vol. II, p. 107b;** *Tanya,* ch. 1, *et al.*

17. *Berachos* 61a, and ***Bereishis Rabbah* 8:1,** which quotes **Rabbi Shimon ben Lakish as saying: "'After' the work of the last day. 'Before' the work of the first day."** See also ***Midrash Tanchuma, Parshas Tazria,* sec. 1. Note the version cited by *Eitz Yosef.***

See also *Torah Or,* p. 3c, and, *Likkutei Torah, Devarim,* p. 86c.

קֶען עֶס אַרָאפְּקוּמֶען בִּיז צוּ נִידֶערִיקֶע עִנְיָנִים.

בְּשַׁעַת אָבֶער עֶס אִיז פַּאַראַן דֶער אַלְגֶעמֵיינֶער בִּיטוּל, עֶר וֵוייסְט אַז עֶר דַארְף זִיךְ מַל זַיְין, עֶר וֵוייסְט אַז אַזוֹי וִוי עֶר אִיז טוֹיג נִיט, אוּן עֶר דַארְף אַנְדֶערְשׁ וֶוערְן, אִיז דָאס אַ הַקְדָּמָה אוֹיף צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגוֹת, עֶס זָאל זַיְין וַיֵּרָא אֵלָיו ה׳, אַזוֹי וִוי צוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ נָאךְ מִצְוַת מִילָה, אוּן עֶר וֶוערְט "אַבְרָהָם" מִיט אַ צוּגֶעגֶעבֶּענֶער הֵ"א; עֶר וֶוערְט אַ בַּעַל־הַבַּיִת אוֹיף אַלֶע זַיְינֶע חוּשִׁים, אֲפִילוּ אוֹיף דִי וָואס בְּטֶבַע קֶען מֶען אוֹיף זֵיי נִיט גֶעוֶועלְטִיקְן.

נָאךְ מֶער: עֶר וֶוערְט אַ בַּעַל־הַבַּיִת אוֹיף זַיְין חֵלֶק אִין וֶועלְט. אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶערֶעדט אִין מַאֲמָר וֶועגְן צַדִּיקִים, אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי פּוֹעֶל'ן אַ זִיכּוּךְ (אוֹיסְלֵייטֶערוּנְג) בַּיי זִיךְ אַלֵיין, בַּאווִירְקְן זֵיי אוֹיךְ אַ זִיכּוּךְ אִין זֵייעֶר חֵלֶק אִין וֶועלְט.

אַזוֹי אוֹיךְ, דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר וֶוערְט אַ בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף זַיְינֶע חוּשִׁים וֶוערְט עֶר אוֹיךְ אַ בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף זַיְין חֵלֶק אִין וֶועלְט, אוֹיף אַלֶע זַאכְן וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן אוֹיף צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, סַיי אִין בָּנֵי, סַיי אִין חַיֵּי אוּן סַיי אִין מְזוֹנֵי (קִינְדֶער, לֶעבְּן אוּן פַּרְנָסָה), אוּן דָאס אַלֶעס זָאל זַיְין - רְוִיחֵי (בְּרֶוַח).

(משיחת כ׳ מרחשון תשי"ג)

– that is to say, he has both a lofty spiritual potential and a base, material potential – the possibility of **a series of descents exists within the person himself.**]

**However, when** a person operates from a base of **general self-nullification.** In other words, **he realizes** that **he must "circumcise" himself. He recognizes that, as he is, he is inadequate and he must change. This awareness is a prerequisite to reaching higher levels. Then, "G-d will reveal Himself to him," just as He did to Avraham, our patriarch, after the *mitzvah* of circumcision. He becomes "Avraham" with an added letter *hei*. He becomes master over all his senses, even over those that by nature one cannot control.**

**Furthermore, he becomes master over his portion in the world. As was discussed in the *maamar*[18] regarding *tzadikim:* Through the refinement they bring about within themselves, they also bring about refinement in their portion in the world.**

**Similarly, by becoming master over his senses,** a person **also becomes master over his portion in the world – over all the things he needs to serve G-d, whether they be children, life and health, or sustenance. May these all** be granted **in abundance.**

18. The Rebbe is referring to the *maamar* entitled *Vehu Omaid Aleihem* delivered at the same *farbrengen* as this *sichah*. See *Toras Menachem,* Vol. 7, p. 150.

א) משיחת כ"ק אדמו"ר - הריי"צ - נ"ע, ש"פ וירא כ׳ מרחשון תרצ"ג.

א*) ספר המאמרים קיץ ה'ת"ש, ד"ה אהללה ה׳, אות ג.

ב) זע בראשית רבה ריש פרשת וירא. לקוטי תורה ויקרא כא, א.

ג) נדרים לב, ב.

ד) תנא דבי אליהו רבה פכ"ה.

ה) ד"ה כי ישאלך תרנ"ד.

ו) אבות פרק ה משנה כב.

ז) זע קונטרס העבודה פרק ו.

ח) דרך מצותיך שרש מצות התפלה קמד ב; ביאור ושבתה קע, ב. עיין בדרושי חיי שרה.

ט) זע ירושלמי סוף ברכות. זהר חלק ב׳ קז, ב. תניא פרק א. ובכמה מקומות.

י) ברכות סא, א. בראשית רבה ח, א. אמר רבי שמעון בן לקיש אחור למעשה יום האחרון וקדם למעשה יום א׳. תנחומא תזריע א, זע גירסת עץ יוסף. תורה אור ג, ד. לקוטי תורה דברים פו, ג.

# VAYEIRA II | וירא ב

Adapted from a *sichah* delivered on 12 Tammuz, 5714 (1954)

## Introduction

It's natural for a father to desire that his son follow in his footsteps. He derives satisfaction from the fact his son is continuing the path that he charted. However, if a son takes off on a different course, the father and the people close to him begin to wonder: Is the son honoring or rejecting his father's legacy? The relationship between Avraham and Yitzchak teaches a father to look positively at his son's choice of a different path in life and the service of G-d, and not judge it as a weakness or cause of concern. The son's mode and method may diverge from his father's, but he will share perfect unity with his purpose.

Avraham's life was defined by boundless outreach. He welcomed strangers into his tent, journeyed to Egypt, and brought an awareness of G-d even to those worshipping dust. Yitzchak, on the other hand, never left the Holy Land. He dug wells rather than host travelers, pursued depth rather than breadth, and focused on elevating what was already present rather than reaching for what was distant.

The lesson we derive from the lives of these patriarchs is that these weren't competing approaches but complementary paths. Avraham drew G-dliness down into the world; Yitzchak elevated the world to G-dliness. Father and son both brought out different, but equally necessary, elements of Divine service.

This teaching speaks to every person's spiritual journey. There are times when we must reach out to others and times when we must reach into ourselves. Avraham shows us how to draw down G-dly light into every situation we encounter. And from Yitzchak, we learn to dig deeply into every person and every situation we encounter to bring out the Divine purpose invested therein.

# A Father's Mission, a Son's Path

## The Prerequisite for a Holy Child

**1. One of the virtues that Avraham, our forefather, attained through the *mitzvah* of circumcision is that he then became worthy of fathering Yitzchak. According to the teaching of our Sages,[1] Yitzchak had to be born specifically from holy seed. This is also reflected in** our Sages' **words** regarding Yitzchak,[2] **"who sanctified the beloved from the womb."**

**Therefore, although Avraham was a chariot to G-dliness**[3] – i.e., he was utterly devoted to G-d's will, **even before the *mitzvah* of circumcision** – at that time, **he was still not worthy of fathering Yitzchak. Only when he reached the state of "be[ing] perfect"**[4] **through circumcision could Yitzchak be born.**

**From this, we also understand that Yitzchak** possessed a certain **advantage over Avraham, since we do not find that the aforementioned condition was necessary regarding Avraham's birth. By contrast, Yitzchak's birth – even after all of Avraham's previous virtues – could not have occurred until** Avraham **reached** the level of **"be[ing] perfect."**

א. אֵיינֶע פוּן דִי מַעֲלוֹת צוּ וועֶלְכֶע אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז צוּגֶעקוּמֶען דוּרְךְ מִצְוַת מִילָה אִיז, אַז דֶעמָאלְט אִיז עֶר גֶעוואָרְן רָאוּי צוּ גֶעבּוֹירְן יִצְחָק'ן, אוּן לוֹיט דֶעם מַאֲמַר רַזַ"ל[יא], אַז יִצְחָק הָאט גֶעדַארְפְט גֶעבָּארְן ווערְן מִטִפָּה קְדוֹשָׁה דַוְקָא, ווִי עֶס שְׁטֵייט[יב] אוֹיךְ דֶער לָשׁוֹן "אֲשֶׁר קִדֵּשׁ יְדִיד מִבֶּטֶן". דֶערְפַאר אִיז אַבְרָהָם - כָאטשׁ אוֹיךְ פַאר מִצְוַת מִילָה אִיז עֶר גֶעווען אַ מֶרְכָּבָה צוּ אֱלֹקוּת, אָבֶּער עֶר אִיז נָאךְ נִיט גֶעוועֶן רָאוּי צוּ הָאבְּן יִצְחָק'ן, נָאר בְּשַׁעַת עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּם "וֶהְיֵה תָמִים" דוּרְךְ מִילָה, דֶעמָאלְט דַוְקָא הָאט גֶעקֶענְט זַיְין יִצְחָק'ס גֶעבּוּרְט.

פוּן דֶעם אִיז אוֹיךְ פַארְשְׁטַאנְדִיק דִי מַעֲלָה פוּן יִצְחָק'ן אוֹיף אַבְרָהָם'עֶן, וואָרוּם בַּיי אַבְרָהָם'ס גֶעבּוּרְט גֶעפִינְט מֶען נִיט אַז עֶס זָאל הָאבְּן גֶעדַארְפְט זַיְין דֶער דֶערְמָאנְטֶער תְנַאי, אָבֶּער יִצְחָק'ס גֶעבּוּרְט - אֲפִילוּ נָאךְ אַלֶע פְרִיעֶרְדִיקֶע מַעֲלוֹת פוּן אַבְרָהָם'עֶן - הָאט דָאס נִיט גֶעקֶענְט זַיְין אֵיידֶער עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּם "וֶהְיֵה תָמִים".

## When a Son Charts a Different Course

2. This raises a question: **Why did Yitzchak specifically have to be born from holy seed?**

**The difference between Avraham and Yitzchak is: Avraham's** Divine service **in-**

ב. וואָס אִיז דֶער טַעַם פַארְוואָס דַוְקָא יִצְחָק הָאט גֶעדַארְפְט גֶעבָּארְן ווערְן מִטִפָּה קְדוֹשָׁה?

דֶער חִילוּק פוּן אַבְרָהָם מִיט יִצְחָק אִיז:

1. ***Bereishis Rabbah* 46:2.**

2. The blessing recited at a *bris* (***Shabbos* 137b.)**

3. See *Bereishis Rabbah* 47:6, 82:6. See also *Tanya,* ch. 23.

4. *Bereishis* 17:1.

**volved drawing down G-dliness from above.** By contrast, **Yitzchak's Divine service involves elevating** the material world **from below upward.**[5]

**As explained in many Chassidic discourses,**[6] **Avraham's Divine service was characterized by "love like water" – a love for G-d that is comparable to water. As we say in the prayer for rain** recited on Shemini Atzeres, **"Remember the father – Avraham – who was drawn after You like water." The nature of water is to descend downward from above.**[7] Conversely, **Yitzchak's approach was characterized by love like flames of fire. The nature of fire is that it rises from below upward.**

**The difference between Avraham and Yitzchak** went beyond a divergence **in their individual Divine service. It was also reflected in the manner in which they influenced the world.**

**Avraham drew down G-dliness into the world from above downward,** introducing G-dliness into the context of material reality. **Yitzchak elevated the world itself.** Working **from below upward,** he made it possible for materiality to become **a conduit for G-dliness. This difference is also evident in the way they conducted** themselves in their everyday lives**, as the Torah relates.**

אַבְרָהָם׳ס עִנְיָן אִיז - הַמְשָׁכָה מִלְמַעְלָה לְמַטָּה. יִצְחָק׳ס עִנְיָן אִיז - הַעֲלָאָה מִלְּמַטָּה לְמַעְלָה[יג].

אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט דֶערְקְלֶערְט אִין פִּיל מַאֲמָרֵי חֲסִידוּת אַז דִי עֲבוֹדָה פוּן אַבְרָהָם׳עֶן אִיז ״אַהֲבָה כְּמַיִם״ (אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן וֶועלְכֶע אִיז גֶעגְלִיכְן צוּ וַואסֶער), אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן (אִין תְּפִלַּת גֶּשֶׁם) ״זְכוֹר אָב נִמְשַׁךְ אַחֲרֶיךָ כְּמַיִם״ (גֶעדֶענְק דֶעם פָּאטֶער (אַבְרָהָם) וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ נָאכְגֶעצוֹיגְן נָאךְ דִיר וִוי וַואסֶער), וָואס דִי טֶבַע פוּן וַואסֶער אִיז אַרָאפְּצוּנִידֶערְן פוּן אוֹיבְּן אַרָאפּ[יד]. דִי עֲבוֹדָה פוּן יִצְחָק׳ן אִיז אַהֲבָה כְּרִשְׁפֵּי אֵשׁ (וִוי פְלַאמֶען־פַייְעֶר), וָואס דִי טֶבַע פוּן פַייְעֶר אִיז אַז עֶס צִיט זִיךְ פוּן אוּנְטְן אַרוֹיף.

דֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד פוּן אַבְרָהָם׳עֶן מִיט יִצְחָק׳ן אִיז גֶעוֶועזְן נִיט נָאר אִין דֶער עֲבוֹדָה מִיט זִיךְ אַלֵיין, נָאר אוֹיךְ אִין זֵייעֶר עֲבוֹדָה וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעטָאן אִין דֶער וֶועלְט.

אַבְרָהָם הָאט גֶע׳פּוֹעֵל׳ט אִין דֶער וֶועלְט, אַז אִין אִיר זָאל נִמְשָׁךְ וֶוערְן גֶ־טְלֶעכְקַיְיט מִלְמַעְלָה לְמַטָּה, אוּן יִצְחָק הָאט גֶע׳פּוֹעֵל׳ט אִין וֶועלְט, אַז זִי אַלֵיין זָאל דֶערְהוֹיבְּן וֶוערְן, וֶוערְן אַ כְּלִי צוּ גֶ־טְלֶעכְקַיְיט - הַעֲלָאָה מִלְמַטָּה לְמַעְלָה.

אוּן אָט דֶעם חִילוּק זֶעט מֶען אוֹיךְ אִין דִי אוֹפַנִּים פוּן זֵייעֶר הַנְהָגָה, לוֹיט וִוי דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז.

## Spreading Spiritual Awareness Through Boundless Hospitality

**3. Avraham's** path of **drawing down G-dliness** from above downward was manifest in his efforts to spread the awareness of G-d **to everyone,** even those on the lowest levels. He

ג. אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶועזְן גֶ־טְלֶעכְקַיְיט צוּ אַלֶעמֶען: אִין אֶרֶץ כְּנַעַן - וִוי

5. *Torah Or,* p. 17c.

6. Ibid. p. 68d; *Likkutei Torah, Bamidbar,* p. 63a; *et al.; Toras Chayim,* the beginning of *Parshas Toldos.*

7. *Tanya, Sefer shel Beinonim,* ch. 4; ***Iggeres HaKodesh,*** **the beginning of Epistle 12.**

carried out this service **in the Land of Canaan – as it existed before its refinement** and transformation into *Eretz Yisrael* **– and also in Egypt,** a place described as "the nakedness of the land."[8] Moreover, **he drew down G-dliness even to Arabs who would bow to the dust of their feet,**[9] **which represents the lowest** spiritual **level.**

**(A person's body is divided into three parts: head, torso, and feet. The feet are the lowest limbs. The dust of the feet is even lower than the feet themselves. Those Arabs were on such a low** spiritual **level that they bowed to the dust of their feet. In other words, they lowered their heads, i.e., their minds, below the dust of their feet.)**

**Nevertheless, Avraham, our forefather, devoted himself to drawing down G-dliness even to such people. In this vein, our Sages**[10] **interpret the verse,**[11] **"And he proclaimed there in the name of the L-rd, the eternal G-d": "Do not read *vayikra* ('and he proclaimed'), but rather as *vayakri* ('and he caused others to proclaim')."** Avraham's Divine service involved **motivating others to proclaim** "the name of the L-rd, **the eternal G-d."**[12]

**Just as Avraham's Divine service involved drawing** down G-dliness from above, **so too, the means and approach he used** to communicate his message **reflected this dynamic. As our Sages relate,**[13] **Avraham spread awareness of G-d**

זִי אִיז גֶעוֶוען קוֹדֶם הַבִּירוּר - אוּן אוֹיךְ אִין מִצְרַיִם, בִּיז וַואנֶען עֶר הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען גֶ־טְלֶעכְקַיְיט אוֹיךְ צוּ עַרְבִיִּים (אַראבֶּער) וועלְכֶע פְלֶעגְן זִיךְ בּוּקְן צוּ דֶער שְׁטוֹיבּ פוּן זֵייעֶרע פִּיס[טו], וָואס דָאס אִיז דִי סַאמֶע נִידֶערִיקְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

- אַ מֶענְטשׁ אִיז אַיְינְגֶעטֵיילְט אִין דְרַיי טֵיילְן: רֹאשׁ, גוּף, רֶגֶל. דֶער פוּס אִיז דֶער סַאמֶע נִידֶערִיקְסְטֶער אֵבֶר. דֶער שְׁטוֹיבּ פוּן דִי פִּיס אִיז נָאךְ נִידֶערִיקֶער פוּן דֶעם פוּס אַלֵיין. דִי עַרְבִיִּים זַיְינֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין אַזַא נִידֶערִיקֶער מַדְרֵיגָה, אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעבּוּקְט צוּ דֶעם שְׁטוֹיבּ פוּן זֵייעֶרע פִּיס, דָאס הֵייסְט אַז דֶער שֵׂכֶל פוּן קָאפּ אִיז בַּיי זֵיי גֶעשְׁטַאנֶען נִידֶערִיקֶער ווִי דֶער שְׁטוֹיבּ פוּן דִי פִּיס. -

פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן אוֹיף מַמְשִׁיךְ צוּ זַיְין אֱלֹקוּת אוֹיךְ אִין זֵיי, אַזוֹי ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן[טז] אוֹיף דֶעם פָּסוּק[יז] וַיִּקְרָא שָׁם בְּשֵׁם הֲוָיָ' אֵ־ל עוֹלָם - אַל תִּקְרֵי וַיִּקְרָא אֶלָּא וַיַּקְרִיא. דָאס הֵייסְט עֶר הָאט גֶעמַאכְט אוֹיסְרוּפְן; עֶר הָאט גֶע'פּוֹעֵל'ט בַּיי זֵיי אַז זֵיי זָאלְן שְׁרַייְעֶן "אֵ־ל עוֹלָם".

אַזוֹי ווִי דֶער עִנְיָן פוּן אַבְרָהָם'ס עֲבוֹדָה אִיז גֶעוֶוען הַמְשָׁכָה, אַזוֹי זַיְינֶען אוֹיךְ דֶער וֶועג אוּן דִי כֵּלִים דֶערְצוּ גֶעוֶוען אִין אַן אוֹפֶן פוּן הַמְשָׁכָה, אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אִין רַזַ"ל[יח] אַז דֶער

8. Cf. *Bereishis* 42:9. See *Tanya,* ch. 46, *et al.*The lowliness of these lands is also reflected in the wording of *Vayikra* 18:13.

9. See *Rashi, Bereishis* 18:4; ***Bava Metzia* 86b.**

10. ***Sotah,* the bottom of 10a.**

11. ***Bereishis* 21:33.**

12. As explained in *Chassidus,** although אֵ-ל עוֹלָם literally means "the eternal G-d," the word *olam*, translated as "eternal," also means "world." Building on that meaning, saying אֵ-ל עוֹלָם implies a deeper realization than that implied by אֵ-ל הָעוֹלָם, "G-d of the world." That expression indicates that אֵ-ל (G-d) is an entity unto Himself and עוֹלָם (the world) is an entity unto itself, but that G-d is "the G-d of the world," i.e., He governs and rules it. אֵ-ל עוֹלָם suggests that G-dliness and the world are one.

* See *Likkutei Torah,* conclusion of *Parshas Ki Savo, Devarim,* pp. 42d-43c; the conclusion of the *maamar* beginning *Anochi Havayah Elokecha, 5673*, in the series of *maamarim* entitled *BeShaah Shehikdimu, 5672,* Vol. 1, p. 257; *Basi LeGani,* 5711,

13. ***Sotah* 10b; *Bereishis Rabbah* 49:4.** See *Rashi, Bereishis* 21:33.

**throughout the world by** generously offering hospitality – **welcoming guests.**

**He would receive travelers in the desert and provide them with everything they needed. Then, when they wished to thank him, he would** instead **tell them to "Bless the One from whose bounty you ate. Give thanks, bless, and praise the One who spoke and brought the world into being."**

אוֹפֶן ווִי אַזוֹי אַבְרָהָם פְלֶעגְט מַאכְן בַּאקַאנְט גֶ־טְלֶעכְקַיְיט אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ הַכְנָסַת אוֹרְחִים.

עֶר הָאט אַרַיְינְגֶענוּמֶען אוֹרְחִים אִין מִדְבָּר, גֶעגֶעבְּן זֵיי אַלֶע זַאכְן, אוּן דֶערְנָאךְ בְּשַׁעַת זֵיי הָאבְּן אִים גֶעווָאלְט דַאנְקֶען, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: בָּרְכוּ לְמִי שֶׁאֲכַלְתֶּם מִשֶּׁלּוֹ; הוֹדוּ בָּרְכוּ וְשַׁבְּחוּ לְמִי שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם (בֶּענְטְשְׁט דֶעם ווָאס אִיר הָאט גֶעגֶעסְן פוּן זַיְינֶע; דַאנְקְט, בֶּענְטשְׁט אוּן לוֹיבְּט דֶעם ווָאס מִיט זַיְין ווָארְט אִיז גֶעווָארְן דִי וֶועלְט).

## Enabling Ascent

**4. Yitzchak's** spiritual path – **as mentioned earlier – involved ascending from below. Therefore,** he was to live in an environment of holiness. **Because he was designated as a perfect burnt offering,**[14] **he could have no connection whatsoever to Egypt or to lands outside *Eretz Yisrael* in general. Even while in *Eretz Yisrael,* his energies were devoted to digging wells. This** activity **reflects** his path and the **manner in which he revealed G-dliness – elevating and lifting up the lower realms.** This was representative of **Yitzchak's** Divine service as a whole; his **spiritual path was characterized by detachment from worldly concerns, ascending from** the material, **and withdrawing to a loftier realm.**

**Just as he himself embodied the quality of elevation, he also brought about this same dynamic in the world, transforming it into a conduit that is drawn upwards to G-dliness.**[15]

ד. יִצְחָק'ס עִנְיָן אִיז גֶעוֶוען - ווִי פְרִיעֶר גֶעזָאגְט - הַעֲלָאָה מִלְּמַטָּה לְמַעְלָה. דֶערְפַאר הָאט עֶר נִיט גֶעהַאט אִינְגַאנְצְן קֵיין שַׁיְיכוּת צוּ מִצְרַיִם אוּן צוּ חוּצָה לָאָרֶץ בִּכְלַל, ווַיְיל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן עוֹלָה תְּמִימָה[ט], אוּן אוֹיךְ זַיְיעֶנְדִיק אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט עֶר גֶעהַאט צוּ טָאן מִיט חֲפִירַת בְּאֵרוֹת (גְרָאבְּן בְּרוּנֶעמְס), ווָאס דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דֶעם אוֹפֶן פוּן גִילוּי אֱלֹקוּת בְּדֶרֶךְ הַעֲלָאָה, אַנְטְפְּלֶעקְן גֶ־טְלֶעכְקַיְיט דוּרְךְ דֶערְהוֹיבְּן דֶעם אוּנְטְן. ווַיְיל מַדְרֵיגַת יִצְחָק אִיז גֶעוֶוען - אָפְּגֶעטְרָאגְן פוּן וֶועלְט, הַעֲלָאָה וְהִסְתַּלְּקוּת מִלְּמַטָּה לְמַעְלָה.

אַזוֹי ווִי עֶר אַלֵיין אִיז גֶעוֶוען אִין דֶער בְּחִינָה פוּן הַעֲלָאָה, הָאט עֶר דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אוֹיךְ אוֹיפְגֶעטָאן אִין וֶועלְט, גֶעמַאכְט פוּן אִיר אַ כְּלִי (ווָאס צִיט־זִיךְ) צוּ אֱלֹקוּת.

---

14. **Ibid. 64:3; quoted by *Rashi*, *Bereishis* 26:2.**

15. In other words, Yitzchak's Divine service focused on elevating himself. As such, it was not appropriate for him to go out to environments that were not holy. However, his Divine service was not self-oriented, he also brought about the motif of elevation in other people and in the world at large.

## Uncovering the Living Waters Within

**5. As the Torah relates, Yitzchak's Divine service involved digging wells. This involves revealing the living waters found deep within the earth and drawing them upward.** He did **not pour living waters there from another place; rather, he revealed the spring water that was already present** in that place itself. **In truth, living waters are found** everywhere. **They are merely covered by earth, mud, and stones. When one removes the covering, the living waters surface.**

**This also reflected** Yitzchak's **spiritual service: removing all the elements that cover and conceal** the Divine spark within material reality, and, in that way, **making the world a conduit for G-dliness.** This path of Divine service exemplified the **elevation of the below upward, just as the living waters themselves flow upward from below.**

ה. ווִי דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז, אִיז יִצְחָק׳ס עֲבוֹדָה גֶעווֶען חֲפִירַת הַבְּאֵרוֹת, גְּרָאבְּן דִי בְּרוּנֶעמְס. דָאס מֵיינְט אַנְטְפְּלֶעקְן אוּן אַרוֹיפְצִיעֶן דִי מַיִם חַיִּים ווֶעלְכֶע גֶעפִינֶען זִיךְ אוּנְטְן אִין דֶער עֶרְד. נִיט אַרַיְינְגִיסְן אַהִין מַיִם חַיִּים פוּן אַן אַנְדֶער אָרְט, נָאר אַנְטְפְּלֶעקְן דָאס קְווֶעלְנְדִיקֶע וַואסֶער ווֶעלְכֶע גֶעפִינְט זִיךְ דָארְטְן גוּפָא. ווָארוּם דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָארְט גֶעפִינֶען זִיךְ מַיִם חַיִּים, מֶער נִיט ווָאס עֶס אִיז פַארְדֶעקְט מִיט עֶרְד, בְּלָאטֶע אוּן שְׁטֵיינֶער, אוּן בְּשַׁעַת מֶען נֶעמְט אַרָאפּ דֶעם צוּדֶעק, ווֶערְן אַנְטְפְּלֶעקְט דִי מַיִם חַיִּים.

ווָאס דָאס ווַיְיזְט אוֹיךְ אָן אוֹיף זַיְין רוּחְנִיּוּת׳דִיקֶער עֲבוֹדָה: אַרָאפְּנֶעמֶען דִי אַלֶע זַאכְן ווֶעלְכֶע פַארְדֶעקְן אוּן פַארְשְׁטֶעלְן, אוּן מַאכְן דִי ווֶעלְט פַאר אַ כְּלִי צוּ גֶ־טְלֶעכְקַיְיט - הַעֲלָאָה מִלְּמַטָּה לְמַעְלָה. ווִי דִי מַיִם חַיִּים אַלֵיין, ווֶעלְכֶע זַיְינֶען נוֹבֵעַ מִתַּתָּא לְעֵלָּא, (קְווֶעלְן פוּן אוּנְטְן אַרוֹיף).

## Undeterred by Opposition

**6. Yitzchak not only paid no attention to the** physical obstacles **that covered the living waters, but even more, he was not sidetracked by any opponents who tried to prevent him from digging these wells.**

**As the Torah relates, when Avimelech's shepherds came and drove away Yitzchak's shepherds and stopped up his wells, Yitzchak was not discouraged and ordered** his servants **to continue digging.**

**Moreover, although the wells that Yitzchak's servants had dug were taken from him and** were confiscated by **the Philistines, even then, Yitzchak was not discouraged and continued digging.** Having the wells taken from him was not merely a physical matter. **In a deeper sense, it means that the vitality**

ו. נִיט נָאר ווָאס יִצְחָק הָאט זִיךְ נִיט גֶערֶעכְנְט מִיט דִי קֶעגְנְשְׁטַאנְדְן ווֶעלְכֶע דֶעקְן צוּ דִי מַיִם חַיִּים, נָאר נָאךְ מֶער: עֶר הָאט זִיךְ אוֹיךְ נִיט גֶערֶעכְנְט מִיט קֵיין מְנַגְּדִים ווֶעלְכֶע שְׁטֶערְן צוּם גְּרָאבְּן דִי בְּרוּנֶעמְס.

ווִי דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט אוּנְז, אַז בְּשַׁעַת עֶס זַיְינֶען גֶעקוּמֶען אֲבִימֶלֶךְ׳ס פַּאסְטֶעכֶער אוּן הָאבְּן פַארְטְרִיבְּן יִצְחָק׳ס פַּאסְטֶעכֶער אוּן פַארְשְׁטָאפְּט דִי בְּרוּנֶעמְס, אִיז יִצְחָק נִיט נִתְפָּעֵל גֶעווָארְן אוּן גֶעהֵייסְן ווַיְיטֶער גְּרָאבְּן.

נָאךְ מֶער: אֲפִילוּ ווֶען מֶען הָאט צוּגֶענוּמֶען דִי בְּרוּנֶעמְס ווֶעלְכֶע עַבְדֵי יִצְחָק הָאבְּן אוֹיסְגֶעגְרָאבְּן אוּן זֵיי אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן צוּ דִי פְּלִשְׁתִּים - דָאס מֵיינְט אִין טִיפֶערְן זִין, אַז דִי לֶעבֶּעדִיקַיְיט אוּן ווַארֶעמְקַיְיט צוּ ווֶעלְכֶע מֶען הָאט זִיךְ קוֹים דֶערְגְרָאבְּן, נֶעמְט מֶען

**and warmth that he had arduously uncovered were absorbed into the *kelipah* of the Philistines.** [In a spiritual sense, the Philistines (פלשתים) were associated with negative conduct that knows no boundaries, a "**thoroughfare that is open** (מפולש) on both sides."][16] Moreover, **even after the second well was also taken from him, Yitzchak dug a third,** continuing **until he reached *Rechovos,* a state of expansiveness,** as indicated by the verse,[17] **"G-d has granted us ample space (*hirchiv lanu*), and we shall be fruitful in the land."**

אַרַיְין אִין דֶער קְלִיפָּה פוּן פְּלִשְׁתִּים (וָואס דָאס אִיז "מָבוֹי הַמְפוּלָּשׁ")[כ] - אוֹיךְ דֶעמָאלְט אִיז יִצְחָק נִיט נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן אוּן וַוייְטֶער גֶעגְרָאבְּן. אוּן בְּשַׁעַת מֶען הָאט צוּגֶענוּמֶען אוֹיךְ דֶעם צְוֵוייטְן בְּרוּנֶעם, הָאט עֶר גֶעגְרָאבְּן אַ דְרִיטְן, בִּיז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ "רְחוֹבוֹת" (בְּרֵייטְקַייְט), "הִרְחִיב ה' לָנוּ וּפָרִינוּ בָאָרֶץ"[כא].

## Beyond Reason – Service that Elicits Divine Joy

**7. According to logic, there was every reason to be discouraged by Avimelech's** opposition. **At a time when Avimelech** is the ruler, **sitting on his throne and preventing the digging of wells of holiness, and,** moreover, **the wells that were dug with the greatest effort are taken by Avimelech for himself,** ordinary reason would lead one to give up.

ז. עַל פִּי שֵׂכֶל אִיז נִיט גֶעוֶוען קֵיין אָרְט נִיט נִתְפָּעֵל צוּ וֶוערְן פוּן אֲבִימֶלֶךְ'ן, אִין דֶער צַייְט וָואס אֲבִימֶלֶךְ זִיצְט אוֹיף זַייְן כִּסֵא־מְלוּכָה אוּן שְׁטֶערְט צוּ גְרָאבְּן דִי בְּאֵרוֹת פוּן קְדוּשָׁה, אוּן דִי בְּרוּנֶעמְס וָואס מֶען הָאט אוֹיפְגֶעגְרָאבְּן מִיט דֶער גְרֶעסְטֶער אָנְשְׁטְרֶענְגוּנְג נֶעמְט אֲבִימֶלֶךְ צוּ זִיךְ.

**However, Yitzchak did not concern himself with any logical calculations. He knew that his mission was to reveal living waters, and he carried out this task with self-sacrifice.**

יִצְחָק הָאט זִיךְ אָבֶער נִיט גֶערֶעכְנְט מִיט קֵיינֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן שֵׂכֶל, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז זַייְן עִנְיָן אִיז צוּ אַנְטְפְּלֶעקְן מַיִם חַיִּים, אוּן דִי אַרְבֶּעט הָאט עֶר גֶעטָאן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ.

**The service of making the world a conduit for G-dliness reaches the true boundlessness of the *Ein Sof,*** (G-d's ultimate infinity), **because through such service, the ultimate Divine intent is fulfilled.**[18] **This is reflected in the reason for** Sarah **choosing the name Yitzchak, "G-d (*Elokim*) has generated laughter (*tz'chok*) for me."**[19] **The refinement and purification of the elements that conceal** the Divine **– elements that derive from the name *Elokim* (א-להים), whose numerical value equals *hateva* (הטבע "nature,")**[20] **– is specifically what elicits laughter and delight Above.**[21]

דִי עֲבוֹדָה צוּ מַאכְן פוּן וֶועלְט אַ כְּלִי צוּ גֶ־טְלֶעכְקַייְט דֶערְלַאנְגְט אִין בְּלִי גְבוּל הָאֲמִתִּי (אֶמֶת'עֶ אוּמְבַּאגְרֶענֶעצְטְקַייְט) אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, וָוארוּם דוּרְךְ דֶעם פִּירְט זִיךְ דוּרְךְ דֶער תַּכְלִית הַכַּוָּנָה[כא*]. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט דֶער טַעַם אוֹיף אָנְרוּפְן אִים מִיטְן נָאמֶען יִצְחָק - "צְחוֹק עָשָׂה לִי אֱלֹקִים"[כב]. אַז דֶער בִּירוּר וְזִיכּוּךְ פוּן דִי עִנְיָנִים וֶועלְכֶע פַארְשְׁטֶעלְן אוּן וֶועלְכֶע נֶעמֶען זִיךְ פוּן דֶעם שֵׁם אֱלֹקִים בְּגִימַטְרִיָּא "הַטֶבַע"[כג] - דָאס דַוְקָא רוּפְט אַרוֹיס דֶעם צְחוֹק וְתַעֲנוּג שֶׁלְמַעְלָה[כד].

---

16. *Torah Or,* p. 61c, *et al.*

17. *Bereishis* 26:22.

18. *Torah Or,* p. 17c.

19. *Bereishis* 21:6.

20. *Tanya, Shaar HaYichud VehaEmunah,* ch. 6. Both terms are numerically equivalent to 86.

21. *Torah Or,* p. 18a.

## Born to Transcend

8. On this basis, we can understand why Yitzchak specifically had to be born from holy seed.[22] Avraham's inherent spiritual level was *Atzilus,* the highest spiritual world – that is, G-dliness as manifest within limitation. By fulfilling the charge "be perfect" through the *mitzvah* of circumcision, he reached the level of "perfection", which represents G-dliness that transcends *Atzilus*.[23] This generated the possibility for Yitzchak's Divine service to be carried out without any limitations, not even the limitations of the intellect of holiness.[24]

ח. לוֹיט דֶעם וועט מֶען פַאַרְשְׁטֵיין פַאַרְוָואס יִצְחָק הָאט גֶעדַארְפְט גֶעבָּארְן וֶוערְן מִטִּפָּה קְדוֹשָׁה דַוְקָא. ווַיְיל אַבְרָהָם׳ס מַדְרֵיגָה מִצַּד זִיךְ אַלֵיין אִיז גֶעוֶוען אֲצִילוּת, דָאס הֵייסְט אֱלֹקוּת בְּהַגְבָּלָה, אוּן דוּרְךְ מְקַיֵּים זַיְין דִי מִצְוָה פוּן מִילָה אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ "תְּמִימוּת" (גַאנְצְקַיְיט) - הֱיֵה תָמִים - וָואס דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן אֱלֹקוּת שֶׁלְמַעְלָה מֵאֲצִילוּת[כה]. אוּן דָאס הָאט אַרוֹיסְגֶערוּפְן בַּיי יִצְחָק׳ן, אַז זַיְין עֲבוֹדָה זָאל זַיְין אָן קֵיינֶע הַגְבָּלוֹת, אֲפִילוּ נִיט קֵיין הַגְבָּלוֹת פוּן שֵׂכֶל דִקְדוּשָׁה[כו].

## Persisting When Logic Says Stop

9. The lesson from this is: Both Avraham and Yitzchak are called the forefathers of every Jew. That implies that every Jew must engage in both types of Divine service: the service of Avraham and the service of Yitzchak.

When a Jew is engaged with Torah, prayer, and fulfilling *mitzvos*, he finds himself in the luminous four cubits of holiness. At that time, he has nothing to do with the world at large. This is true not only when he is engaged with the two paths of Torah study and prayer, but even when he is engaged with the path of acts of kindness – fulfilling *mitzvos* – that involve engaging with material things. Nevertheless, even then, he is not dealing with materiality on its own terms; his focus is on fulfilling the supreme will of G-d.

He is merely drawing down G-d's will into the framework of material things. He is not

ט. דִי אָנְווַיְיזוּנְג פוּן דֶעם אִיז:

אַבְרָהָם אוּן יִצְחָק וֶוערְן בֵּיידֶע אָנְגֶערוּפְן אָבוֹת פוּן יֶעדְן אִידְן.

בַּיי יֶעדֶער אִידְן דַארְפְן זַיְין צְווֵייעֶרְלֵיי עֲבוֹדוֹת: דִי עֲבוֹדָה פוּן אַבְרָהָם׳עֶן אוּן דִי עֲבוֹדָה פוּן יִצְחָק׳ן.

בְּשַׁעַת אַ אִיד הָאט צוּ טָאן מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן מְקַיֵּים זַיְין מִצְווֹת, גֶעפִינְט עֶר זִיךְ דָאךְ אִין לִיכְטִיקֶע ד׳ אַמּוֹת. עֶר הָאט נִיט צוּ טָאן מִיט דֶער וֶועלְט. נִיט נָאר וֶוען עֶר פַאַרְנֶעמְט זִיךְ מִיט דִי צְווֵיי קַוִּים פוּן תּוֹרָה אוּן עֲבוֹדָה, נָאר אֲפִילוּ וֶוען עֶר פַאַרְנֶעמְט זִיךְ מִיטְן קַו פוּן גְּמִילוּת חֲסָדִים - מְקַיֵּים זַיְין מִצְווֹת - וָואס עֶר דַארְף טָאן מִיט גַשְׁמִיוּת׳דִיקֶע זַאכְן, אִיז עֶר אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אוֹיךְ דֶעמָאלְט פַאַרְנוּמֶען מִיט מְקַיֵּים זַיְין דֶעם רָצוֹן הָעֶלְיוֹן (דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס ווִילְן). מֶער נִיט וָואס עֶר אִיז מַמְשִׁיךְ דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס רָצוֹן אוֹיךְ אִין גַשְׁמִיוּת, אָבֶּער עֶר הָאט נִיט צוּ טָאן

22. The question raised in sec. 2.

23. See *Torah Or,* p. 13d; the *maamar* entitled *BeEtzem HaYom Hazeh;* the *maamar* of that name in *Toras Chayim.*

24. See the *maamar* entitled *Eleh Toldos Yitzchak,* the beginning of *Parshas Toldos* (*Torah Or,* p. 17a ff.); the *maamar* of that name in *Toras Chayim.*

**dealing with the material itself, certainly not with any opponent, and not even with obstacles that cover and conceal G-dliness.**

**Even a person on such a level must know that this is still not the ultimate purpose of** our **Divine service. This is merely the service of Avraham and** – since **Yitzchak** is also one of our Patriarchs – we **must also carry out Divine service** that reflects his lifework,

**We must also involve ourselves with those in whom, outwardly, we see nothing more than stones and mud that cover** and conceal **the living waters. Moreover, we must even engage with those who appear to be opponents of G-dliness,** investing effort and developing relationships with people **who are outwardly immersed in transgressions committed intentionally and defiantly.**

**We should invest ourselves in even such people, digging into their** depths, **removing from them those things that conceal** their G-dly spark. We must persist in **digging down to** their very core, finding **the living waters within them, uncovering them, and bringing them to the surface.**

**One might object: "I already tried digging once and then even again. Not only do I not see any results** from my efforts, **but moreover,** they were counterproductive because **the Philistines have taken the wells. Logically, is there any reason to continue digging?"**

**The answer to this** claim is found in the words of the blessing recited at a *bris,*[2] **"Who sanctified the beloved from the womb... and his offspring** are sealed with the sign of the covenant…" **The Divine service of Yitzchak and his children,** i.e., all of his descendents, **must be** carried out **without any** logical **calculations.**[25] **The fact that**

מִיטְן גַּשְׁמִי אַלֵיין, אוּן כָּל שֶׁכֵּן נִיט מִיט קֵיין מְנַגֵּד אוּן אֲפִילוּ נִיט מִיט עֶפֶּעס וָואס פַאַרְדֶעקְט אוּן פַאַרְשְׁטֶעלְט גֶ־טְלֶעכְקַיְיט.

אִיז אֲפִילוּ אַז מֶען הַאלְט בַּיי אַזַא דַרְגָא, דַארְף מֶען וויסְן אַז נָאךְ נִיט דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. דָאס אִיז בְּלוֹיז דִי עֲבוֹדָה פוּן אַבְרָהָם אָבֶּער מֶען דַארְף זִיךְ פַארְנֶעמֶען אוֹיךְ מִיט דֶער עֲבוֹדָה פוּן יִצְחָק.

מֶען דַארְף הָאבְּן צוּ טָאן אוֹיךְ מִיט דִי, וָואס אִין דְרוֹיסְן זֶעט זִיךְ אִין זֵיי נִיט אָן מֶער ווִי שְׁטֵיינֶער אוּן בְּלָאטֶע וָואס פַארְדֶעקְן אוֹיף דִי מַיִם חַיִּים, אוּן אֲפִילוּ אוֹיךְ מִיט דִי וָואס עֶס זֶעט זִיךְ אוֹיס אַז זֵיי זַיְינֶען מְנַגְּדִים צוּ גֶ־טְלֶעכְקַיְיט, דָאס הֵייסְט מִיט אַזוֹינֶע וועֶלְכֶע זַיְינֶען אוֹיסֶערְלֶעךְ פַארְזוּנְקֶען אִין אִיסוּרִים בְּמֵזִיד אוּן לְהַכְעִיס - אוֹיךְ מִיט זֵיי דַארְף מֶען זִיךְ פַארְנֶעמֶען צוּ גְרָאבְּן אִין זֵיי, אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן זֵיי דִי זַאכְן וועֶלְכֶע פַארְשְׁטֶעלְן, בִּיז מֶען וועט זִיךְ דֶערְגְרָאבְּן צוּ דִי מַיִם חַיִּים וועֶלְכֶע גֶעפִינֶען זִיךְ אִין זֵיי אִינְוֶוייניק, אוּן דָאס אַנְטְפְּלֶעקְן אוּן אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען בְּגִילוּי.

קֶען מֶען דָאךְ טַעֲנֶה'ן: עֶר הָאט שׁוֹין גֶעפְּרוּאוּוְט גְרָאבְּן אֵיין מָאל אוּן נָאךְ אַמָאל, אוּן נִיט נָאר וָואס עֶר זֶעט נִיט קֵיין תּוֹעֶלֶת, נָאר אַדְּרַבָּא, דִי פְּלִשְׁתִּים הָאבְּן גָאר צוּגֶענוּמֶען דִי בְּרוּנֶעמְס - אִיז וָואס פַאר אַן אָרְט אִיז דָא עַל פִּי שֵׂכֶל נָאךְ וַויְיטֶער צוּ גְרָאבְּן?

אוֹיף דֶעם עֶנְטְפֶערְט מֶען: אֲשֶׁר קִדֵּשׁ יְדִיד מִבֶּטֶן כו' וְצֶאֱצָאָיו כו'. דִי עֲבוֹדָה פוּן יִצְחָק'ן אוּן זַיְינֶע קִינְדֶער דַארְף זַיְין אָן קֵיינֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת. דָאס וָואס בִּיז אִיצְט הָאט עֶר נִיט מַצְלִיחַ גֶעוועֶן, דָאס אִיז דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס חֶשְׁבּוֹנוֹת, וּבַהֲדֵי

25. See *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 18.

כָּבְשֵׁי דְרַחֲמָנָא לָמָה לָךְ[יז]. וואס איז נוגע צו אים איז אַז ער מוז גְרָאבְּן און גְרָאבְּן, בִּיז ער וועט זיך דערגְרָאבְּן צום מַיִם חַיִּים, און סוֹף סוֹף וועט ער צוקומען צו "הִרְחִיב ה' לָנוּ וּפָרִינוּ בָאָרֶץ"[כח].

(משיחת י"ב תמוז תשי"ד)

**one has not been successful until now is** the realm of G-d's calculations, and **as the Talmud states,**[26] **"Why do you concern yourself with the hidden matters of the Merciful One?"**

**What is relevant to us is that we must dig and dig until we penetrate down to the living waters. Then, ultimately, we will reach a state where "G-d [will] grant us ample space and we will be fruitful in the land."**[27]

---

**26.** ***Berachos*** **10a.**

**27.** *Bereishis* 26:22. See ***Ramban*** (***Bereishis*** **26:20**) who explains that this phrase refers to the Era of *Mashiach* "**when all nations will serve [G-d] with one purpose**" (cf. *Tzephaniah* 3:9).

---

יא) בראשית רבה פמ"ו, ב.

יב) שבת קלז, ב.

יג) תורה אור יז, ג.

יד) תניא ח"א פ"ד. אגרת הקדש ריש סימן יב.

טו) בבא מציעא פו, ב.

טז) סוטה י, סוף עמוד א.

יז) בראשית כא, לג.

יח) סוטה י, ב. בראשית רבה פמ"ט, ד.

יט) בראשית רבה פס"ד, ג. הובא בפירוש רש"י על התורה, בראשית כו, ב.

כ) תורה אור בשלח סא, ג. און נאָך.

כא) בראשית כו, כב.

כא*) תורה אור יז, ג.

כב) בראשית כא, ו.

כג) תניא שער היחוד והאמונה פרק ו.

כד) תורה אור יח, א.

כה) זע תורה אור סוף ד"ה בעצם היום הזה. תורת חיים דאָרט.

כו) זע תורה אור ריש פרשת תולדות. תורת חיים דאָרט.

כז) ברכות י, א.

כח) שכל העמים יעבדוהו שכם אחד (רמב"ן כו, כ).

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
David Hendler
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה"ת ר' משה יהודה בן ר' צבי יוסף ע"ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie